**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 7/2/2024 **גאווערנער קעטי האקול**

## גאווערנער האקול פייערט פערציג מיליאן דאלאר יו.עס.אפטיילונג פון האנדל גרענט צו פארשטערקערן ניו יארק'ס וואקסנדע סעמיקאנדאקטער סעקטאר

## פעדעראלע רעגיאנאלע טעכנאלאגיע און אינאוואציע הובס גרענט וועט שטיצן סעמיקאנדאקטער פארשונג, פאבריצירונג און ארבעטקראפט אנטוויקלונג דורכאויס נ.י. סמארט I- דורכגאנג אריינגעמענדיג באפעלא, סיראקוס און ראטשעסטער

## עפנט אויף נאך אכט מיליאן דאלאר אין סטעיט פינאנצירונג צו וואקסן ניו יארק'ס סעמיקאנדאקטער אינדוסטרי

***בויט זיך אויף גאווערנער האקול׳ס פארשפרעכונג צו בויען א 21'סטע יאר הונדערט עקאנאמיע אין ניו יארק סטעיט; פארזעצנדיג די סטעיט'ס טראנספארמאציע פון רוסט בעלט צו אינאוואציע בעלט***

גאווארנער קעטי האקול האט היינט געמאלדן אז די יו.עס. אפטיילונג פון האנדל האט געגעבן א צווייטע שטאפל רעגיאנאלע טעכנאלאגיע און אינאוואציע הובס (טעק הוב) גרענט פון פערציג מיליאן דאלאר צו די ניו יארק סעמיקאנדאקטער פאבריצירונג און פארשונג טעכנאלאגיע אינאוואציע קארידאר ( New York Semiconductor Manufacturing and Research Technology Innovation Corridor, NY SMART-I Corridor) קאנסארטיום. איבער די נאכפאלגנדע פינף יאר, וועט די קאנסארטיום סערווירן א קריטישע ראלע אין שטיצן אפסטעיט ניו יארק'ס ווייטערדיגע וואוקס צו א וועלטליכע קאמפעטיטיוו צענטער פון סעמיקאנדאקטער ארבעטקראפט אנטוויקלונג, אינאוואציע און פאבריצירונג- טייל פון די ווייטערדיגע טראנספארמאציע פון די סטעיט'ס ראסט בעלט שטעט צו א גאנץ נייע אינאוואציע בעלט. עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט האט פארשפראכן ביז אכט מיליאן אין מעטש פינאנצירונג צוזאמען מיט נאך באדייטנדע ענליכע מיטלען צו שטיצן די NY SMART-I Corridor און וועט סערווירן אלס א מעמבער פון די טעק הוב'ס אויפפירונגס פירנדע קאמיטע.

"מיט די טראנספארמאטיווע פעדעראלע גרענט, נעמט ניו יארק נאך א גרויסע שפרינג צו בויען טשיפס קאנטרי אין אונזער סטעיט," **האט גאווארנער האקול געזאגט.** "די געלטער וועט העלפן צו ברענגען די נעקסטע דור פון סעמיקאנדאקטער פארשונג, פאבריצירונג און ארבעטקראפט טרענירונג אפסטעיט, און עפענען נאך מער פינאנצירונג - איבער אונזער אנדערע סטעיט אינוועסטירונגען - צו ציען טשיפ-פאבריצירונג ביזנעסער און ארבעט. פון מיקראן'ס היסטארישע אינוועסטירונג אין אונזער ערשטע-אין-די-פאלק טשיפס פארשונג סענטער אין אלבעני, איז ניו יארק אינגאנצן אין סעמיקאנדאקטערס און איך דאנק די ביידען אדמיניסטראציע, מעידזאריטי לידער שומער, סענאטער גיליבראנד און קאנגרעסמאן מארעל פארן פארזיכערן אז מיר בלייבן קאמפעטיטיוו אין די וועלטליכע געלויף פאר טשיפס ביזנעס."

די NY SMART-I Corridor איז באלוינט געווארן אלס איינס פון 31 טעק הוב באשטימונגען דורך די פעדעראלע אפטיילונג פון האנדל"ס עקאנאמישע אנטוויקלונג אדמיניסטראציע (EDA) אין אקטאבער 2023, פון א איסוואל פון באלד 400 ראיאנישע אפליקאציעס, און איז איינס פון די פיר איינציגע באשטימטע סעמיקאנדאקטער טעק הובס אין די פאלק. די קאנסארטיום באשטייט פון די מערב נ.י.,

פינגער לעיקס און צענטראלע נ.י. געגנטער און קומט זיך צאם מיט די באפעלא- ניאגרא פארטנערשיפ, ROC2025 און די סענטערסטעיט CEO באציאונגדיג. עס נעמט אריין מער ווי אכציג מיטגלידער וואס רעכנט אריין עקאנאמישע אנטוויקלונג ארגאניזאציעס, רעגירונג, ארבעטקראפט אנטוויקלונג, ארבעט אינדוסטרי, אקאדעמיע און נאן-פראפיטס. די טעק הוב וועט ארבעטן צו בויען א וועלט-קלאס סעמיקאנדאקטאר עקאסיסטעם דורכאויס א רייע פון קאנצענטרירטע געביטן אריינרעכנענדיג גערעכטע ארבעטקראפט אנטוויקלונג און טאלאנט פלאצירונג, פארשונג און קאמערציאליזאציע-וועגן אין שותפות מיט פירנדע אקאדעמישע אינסטיטוציעס, טשיפ פאבריצירונג סופליי טשין וואוקס און אנטוויקלונג, און טעכנאלאגיע אינוואציע. געפירט דורך א פיל-זייטיגע איינפירונג רעגירנדע קאמיטע, וועט די קאנסאריטום סערווירן אלס א וויכטיגע קאארדינירנדע פלאץ פאר סעמיקאנדאקטער אינדוסטרי וואוקס צוזאמען מיט די גאווארנער'ס אפיס פון סעמיקאנדאקטער פארברייטערונג, פארוואלטונג און איינגלידערונג באזירט אין די ESD.

**עמפייער סטעיט אנטוויקלונג פרעזידענט און CEO קאמישענער האופ נייט האט געזאגט,** "ניו יארק סטעיט'ס אנשטרענגונגען צו צוריקברענגען די סעמיקאנדאקטער אינדוסטרי אין א וועג וואס לייגט וואג אויף קלוגע און סטראטעגישע וואוקס, גערעכטיגקייט און פארשידענע ארבעטקראפט אנטוויקלונג, און נייסטע R&D און אינאוואציע איז א מוסטער פארן פאלק און די וועלט. פינאנצירונג פאר די טעק הוב צוגעשטעלט דורך דיביידען אדמיניסטראציע וועט אונז העלפן פארווירקליכן די געמיינזאמע פלענער צו בויען א בליענדע אינאוואציע סעקטאר, פארמערן אונזער סעמיקאנדאקטער סופליי טשעין אין לאנד, און באשיצן אונזער עקאנאמישע און נאציאנאלע זיכערהייט - און דערצו שאפן גוטע ארבעט פאר אלע ניו יארקערס."

**פרעזידענט און טשיף עקזעקיוטיוו אפיציר פון די בופאלע ניאגארא פארטנערשיפ דאטי גאלאגער האט געזאגט,** "איך בין פארשולדיגט פאר די 100-מיטגלידער קאנסארטיום וואס האט געהאלפן צו ברענגען די פלענער צו לעבן און שאפן א דורכברעכנדע נייע ראם פאר ראיאנישע צוזאמענארבעט, און צו גאווארנער האקול, ניו יארק סטעיט און עמפייער סטעיט אנטוויקלונג וועמענ'ס סטראטעגישע פירונג און איבערגעגעבנקייט זענען געווען צום דינסט צו אונזער ביטע. איך בין ספעציעל דאנקבאר צו סענאטער שומער, וועמענס וויזיע האט געדינט צו שאפן די געלעגנהייט און וועמענס שטארקע און אנגייענדע שטיצע, צוזאמען מיט קאנגרעסמאן מארעל און אונזער גאנצע דעלעגאציע, האבן פארזיכערט אז אונזער ביטע זאל אנקומען פון אויבן. און צו דיביידען אדמיניסטראציע, די האנדל אפטיילונג, די עקאנאמישע אנטוויקלונג אדמיניסטראציע און די טעק הובס פראגראם אפיס - מיר זענען זייער דאנקבאר פאר די צוטרוי וואס איר האט געלייגט אין אונזער ביטע. און מיר זענען גרייט זיך צו נעמען צו די ארבעט."

**פרעזידענט פון ROC2025 און נ.י סמארט I- קארידאר טעק הוב רעגיאנאלע אינאוואציע אפיציער דר. דזשאסעף סטעפקא האט געזאגט,** "די הייגטיגע מעלדונג אז די נ.י. סמארט I- קארידאר איז צווישן די געציילטע פון די נייע פינאנצירטע פעדעראלע טעק הובס באפעסטיגט די מאכט פון צוזאמענארבעט און סערווירט א וויכטיגע ווענדפונקט פאר אונזער גאנצע געגנט. דריי יאר צוריק, זענען מיר ארויס צו בויען א נייע, קאארדינירטע פלאן פאר די באפעלא-ראטשעסטער-סיראקוס קארידאר,וואס איז געווען שטארק קאנצענטרירט צו פאראויסברענגען סעמיקאנדאקטער פאבריצירונג און סופליי טשעין. די געצילטע אינוועסטירונגען וואס די הובס פינאנצירונג ערמעגליכט - אין ארבעטקראפט, אינאוואציע און פארבעסערטע פאבריצירונג - שטעלט אונז צו פירן די וועג דורך די גאנצע סעמיקאנדאקטער ווערד טשעין, און דורך דאס טון, פארברייטערן עקאנאמישע געלעגנהייטן פאר יעדעם דורך די גאנצע קארידאר. איך וויל באדאנקען סענאטער שומער, די ביידען אדמיניסטראציע און גאווארנער האקול פאר זייער שטאנדהאפטיגע שטיצע פאר אונזער ביטע."

**פרעזידענט פון סענטערסטעיט CEO ראבערט סימפסאן האט געזאגט,** "ניו יארק'ס I-קארידאר איז די ערשטע טעק הוב אווארד געווינער אינעם פאלק, א שטארקע צייכן צו די וועלט אז די געגנט איז גרייט צו פירן די ווידעראויפלעבונג פון נייע פאבריצירונג און סעמיקאנדאקטער פראדוצירונג אין די יו.עס. די אינוועסטירונג און ניו יארק סטעיט'ס צוגעפאסטע שטיצע מיינט אז די געמיינדעס וואס זענען געבליבן

אונטערשטעליג קענען יעצט צוריקבאקומען זייערע בארעכטיגטע עקאנאמישע פירערשאפט פאזיציע. די צוזאמענארבעט, וויזיע און פירערשאפט פון אונזער געמיינדע, אריינרעכענענדיג אזוי פיל פילאנטראפישע, ערציאונגס און פריוואטע סעקטאר שותפים, ווי אויך אונזער געוועלטע בעאמטע זענען די ריכטיגע לעגאסי פון די ארבעט. מיר זענען דאנקבאר צו גאווארנער קעטי האקול פארן נאכאמאל נוצן פעדעראלע אינוועסטירונגען צו פארשנעלערן די שנעלקייט פון אונזער פארשריט. די פאראייניגטע שטיצע פארזיכערט אז די געגנט האט יעצט די מיטלען צו פירן לאנג טערמיניגע וואוקס. אין די צייט וואס מיר נעמען א מאמענט צו פייערן די היסטארישע געלעגנהייט, זענען מיר מער גרייט ווי אייביג אנצוהייבן ארבעטן און נוצן די אינוועסטירונג צו פארגרעסערן די עקאנאמישע איינפלוס וואס וועט געפילט ווערן דורך אונזערע געמיינדעס."

סעמי-קאָנדאָקטערס זענען קריטיש פאר די לאנד'ס עקאנאמישע שטארקייט, דינענדיג אלס די מוח פון מאדערנע עלעקטראניקס און ערמעגליכנדיג טעכנאלאגיעס וואס זענען קריטיש פאר די פאראייניגטע שטאטן'ס עקאנאמישע וואוקס, נאציאנאלע זיכערהייט און קאנקורענץ אויפן גלאבאלע מארקעט. די אינדוסטריע טוט דירקעט אויפנעמען איבער 277,000 מענטשן אין אמעריקע און שטיצט מער ווי 1.8 מיליאן דאמעסטשיע דזשאבס. סעמי-קאָנדאָקטערס זענען פון די פינף פראדוקטן וואס ווערן די מערסטע עקספארטירט פון די פאראייניגטע שטאטן, און עס איז די הויפט ביישטייערער צו די פרוכטבארקייט פון ארבעט, ערמעגליכנדיג פארבעסערונגען צו די ווירקזאמקייט און געשליפנקייט פון ארבעט אין כמעט יעדע עקאנאמישע סעקטאר — פון פארמינג ביז מעניופעקטשורינג.

פינאנצירונג פאר די טעק הוב בויט אויף גאווארנער האקול'ס היסטארישע צען ביליאן דאלאר גרין CHIPS געזעצגעבונג, געשאפט צו פירן וואוקס אין די סעמיקאנדאקטער אינדוסטרי דורכאויס די סטעיט. אין 2022 האט Micron אנאנסירט א 20-יעריגע, 100 ביליאן דאלארדיגע אינוועסטירונג צו בויען א 'מעגאפעב' קאמפלעקס אין צענטראל ניו יארק, שאפנדיג 50,000 נייע דירעקטע און אומדירעקטע דזשאבס און עפענענדיג הונדערטע מיליאנען דאלארן אין קאמיוניטי בענעפיטן. GlobalFoundries האט לעצטנס אנאנסירט אן $11.6 ביליאן אינוועסטירונג צו אויסברייטערן זייער טשיפ מעניופעקטשורינג קאמפלעקס אין ניו יארק'ס הויפטשטאט ראיאן, שאפנדיג 1,500 דירעקטע דזשאבס און טויזנטער אומדירעקטע דזשאבס. דערצו מעלדט גאווערנאר האקול א 10 ביליאן דאלערדיגע שותפות צו ברענגען נעקסטע-דור טשיפס פארשונג צו NY CREATES אלבאני נאנאטעק קאמפלעקס.

אלס חלק פון איר פיסקאלע יאר 25 איינגעפירטע בודזעט,האט די גאווארנער פארזיכערט א 200 מיליאן דאלארדיגע אינוועסטירונג אוועקצושטעלן די איין נעטווארק פאר ראיאנישע פארגעשריטענע פארבריצירונג שותפות'ן ( One Network for Regional Advanced Manufacturing Partnerships, (ON-RAMP - א נעץ פון פיר נייע ארבעטסקראפט אנטוויקלונג צענטערן צו צוגרייטן ניו יארקער פאר די דזשאבס פון די צוקונפט. בשעת די סטעיט טוט ווייטער ציען 21'סטע יאר-הונדערט ביזנעסער אין שנעל-וואקסנדע אינדוסטריס ווי סעמיקאנדאקטאר פאבריצירונג, וועט ON-RAMP צענטערס פארשלאגן קרעדענשאלס און טרענירונג פארבינדן צו פארגעשריטענע פאבריצירונג און העלפן אויסברייטערן געלעגנהייטן פאר ארימע באפעלקערונגען.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן